די באַפרייונג

ליאָן איז איינע פון די גרעסטע פראַנצויזישע שטעט מיט אַ מיליאָניקער באַפעלקערונג און וואָס עס טרעפט זייער זעלטן — צוויי טייכן שלענגלען זיך איבער דער שטאָט, באַדעקטע מיט אַ סך בריקן און בריקלעך.

אויף זייער ריקצוג האָבן די דייטשן, ווי עס פירט זיך בעת אַ מלחמה, צע־שטערט הינטער זיך די בריקן.

בעת די אָפטע באָמבאַרדירונגען פון דער שטאָט, האָבן מיר נישט געדענקט וועגן דעם דאָזיקן סטראַטעגישן כלל, און עס האָט אונדז גאָרנישט איבערראַשט, בעת מיר האָבן אין דער לעצטער נאַכט געהערט אויפרייסן און דעטאָנאַציעס. מיר האָבן זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז דאָס איז איצט די מלאכה פון די דייטשן גופא און נישט פון די ווידערשטענדלער. אַלעמאָל איז דער הימל באַלויכטן גע־וואָרן פון פלאַמען און פון שריפות. די אויפרייסן האָבן אונדז נישט געלאָזט אַן אויג צוטון ביז באַגינען און איך און מיין פרוי האָבן ביי זיך געטראַכט, וואָס קומט דאָ היינט פאָר?

באַלד אינדערפרי איז צו אונדז אַריין די וועכטערין מיט דער גרויסער בשורה: „די אַמעריקאַנער קומען אָן!".

„מען האָט שוין הינטער דער שטאָט געזען די באַוואָפנטע אָפטיילונגען פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, וואָס מאַרשירן קיין ליאָן. אַ גאַנצע נאַכט האָבן די דייטשן אויפגעריסן די בריקן אין דער שטאָט און די באַשס זענען אַוועק". מיר לויפן אַרויס אין גאַס, און ווירקלעך! די שטאָט, כאָטש נאָך גאָר פרי, איז שוין שטאַרק באַלעבט. די מענטשן האָבן אַ גאָר אַנדערן אויסזען. גרופּקעס שטייען אין די ראָגעס און פאַר די הייזער און קאַפעען און מען שמועסט הויך אויפן קול, „די אַמעריקאַנער דערנענטערן זיך. מען האָט זיי שוין געזען. אונדזערע פון דער

ווידערשטאַנד מאַרשירן מיט געווער אויף די אָרעמס, מען האָט זיי שוין אויך געזען". די באַוועגונג אין די גאַסן ווערט אַלץ שטאַרקער און לעבהאַפטער אין דער מאָס, ווי מיר דערנענטערן זיך צום צענטער פון דער שטאָט.

עס לייכטן אויף פאַר די אויגן די ערשטע שטראַלן פון דער פרייהייט! עס דער־נענטערן זיך די ערשטע אַמעריקאַנער מיליטערישע אָפּטיילונגען אויף טאַנקען, אַ שטורעם פון אַפּלאַדיסמענטן און אַן אומבאַשרייבלעכער ענטוזיאַזם רופט אַרויס ביים פאַרזאַמלטן עולם די דאָזיקע ערשטע מיליטערישע קאָלאָנעס. די אַמעריקאַ־נער „באָיעס" אויף די האַרמאַטן און ביי די האַרמאַטן מאַרשירן מיט אָפענע פנימער און זיי זענען באַצירט מיט בלומען. פראַנצויזינס האָבן זיי שוין באַוויזן צו דעקאָרירן. נאָך זיי מאַרשירן מיט אַ פעסטן טראָט די באַוואָפנטע פראַנצוי־זישע ווידערשטענדלער. און ווידער ענטוזיאַסטישע אויסרופן. פראַנצויזינס און פראַנצויזן מיט טרערן אין די אויגן פאַלן צו זיי צו. פרייד, געזאַנג און בלומען! די באַוועגונג אין גאַס איז בלאָקירט און די שטאָט איז פאַרפלייצט פון מענטשן. אַלע מישן זיך איצט אויס אין איין מאַסע און אויך מיר, דאָס ביסל אָפּגעראַ־טעוועטע ייִדן פון ליאָן, מיט זיי. ווער איז מסוגל איבערצוגעבן די עמאָציעס, וואָס באַהערשן אין אַזאַ מאָמענט, ווען מיט אַלע חושים דערפילט מען זיך ווידער פריי? נאָר די וואָס לעבן דאָס איבער קענען דאָס אָפּשאַצן און נאָר די, וואָס האָבן פאַרלוירן די פרייהייט קענען זיך פרייען מיט איר.

מיר איז שוין עטלעכע מאָל אויסגעקומען איבערצולעבן אַזעלכע מאָמענטן, ווען איך בין באַפרייט געוואָרן, ווען עס האָט זיך פאַר מיר געעפנט די אייזערנע שווערע טיר פון מיין קאַמער און מען האָט מיר דערקלערט, אַז איך בין פריי. עטלעכע מאָל האָב איך שוין איבערגעלעבט דעם זיסן טעם, ווען פאַר מיר האָט זיך געעפנט דאָס קליינע טירל פון גרויסן אייזערנעם טורמע־טויער און דער טויער־היטער האָט מיר געזאָגט: — איר קענט גיין. וואַקלדיק זענען געווען די ערשטע טריט, וואָס איך האָב געשטעלט איבער דעם פרייען ברוק און קאָפּ־שווינדלעניש האָבן ביי מיר אַרויסגערופן די ערשטע שפּאַן פּאַר אויף דער פרייער לופט, וואָס איך האָב אין זיך גיריק איינגעאָטעמט. דער קאָפּ האָט זיך פאַרדרייט, ווי פון אַ שטאַרקן געטראַנק און די פיס האָבן געציטערט אונטער מיר. אַ שיכרות פון דער צוריק־באַקומענער פרייהייט איז דאָס געווען.

אַזאַ געפיל פון שיכרות האָט מיך איצט באַהערשט אויף די ליאָנער גאַסן. מיר זענען פריי! צי איז דאָס טאַקע שוין אַן אמת? יאָ, ס'איז אַן אמת, ווייל מיר

טרעפן זיך אין גאַס מיט אַנדערע חברים און אַלע האָבן דעם זעלבן גליקלעכן אויסדרוק אויפֿן פּנים. מיר זענען פֿריי!

מיר גייען אַריין אין אַ קאַפֿע, אָבער ווער קען זיך צושטופּן צום בופֿעט! אַ טומל, אַ פֿריידן! פראַנצויזן און פראַנצויזינס, מענטשן פֿון פֿאָלק און פֿון אַלע אַנדערע שיכטן פֿון דער באַפֿעלקערונג טרינקען און זענען איבערפֿולט פֿון דער גרויסער עמאָציע, אַז פראַנקרייך ווערט פֿריי, אַז מיט יעדן טאָג ווערן נייע שטעט באַפֿרייט. דאָ און דאָרט באַווייזן זיך גרופּעס דייטשן, וואָס האָבן נישט באַוויזן אַפּצוציִען און מען פֿירט זיי איצט אונטער אַ קאָנוואָי. זיי זענען איצט אויף גרויסע צרות. עס ווילט זיך נישט פֿאַרלאָזן די גאַס. מען פֿילט נישט קיין הונגער און מען האָט אויך פֿאַרגעסן אין די טאָג־טעגלעכע באַדערפֿענישן און פּליכטן. מען באַגייסטערט זיך איצט פֿון יעטוועדער קלייניקייט און פֿון אַלע פּנימער פֿלייצט מיט גוטסקייט, מיט פֿריינטשאַפֿט און מענטשלעכער סאָלידאַריטעט. אַ יובלדיקע מאַסע, וואָס האָט פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפֿן די שקלאַפֿן־קייטן און איז ווידער פֿריי.

עס פֿאַרשווינדן אין דעם מאָמענט די אייביקע קאָנטראַסטן און אונטערשיידן צווישן יונג און אַלט, צווישן מאַן און פֿרוי. אַלע בילדן איצט איין פֿאַרשיכורטע מאַסע. קיין פּאָליציאַנט זעט מען שוין נישט אויף קיין רפֿואה און פֿונדעסטוועגן פֿאַסירט גאָרנישט אין דער שטאָט. אַלע זענען איצט באַהערשט פֿון איין מענטשלעך און פּאַטריאָטיש געפֿיל: מיר זענען פֿריי! אונדזער שטאָט איז פֿריי!

מיט איין מאָל איז פֿאַרשוווּנדן דער בלוטיקער אָקופּאַנט מיט זיינע ווישי־העלפֿערס. פֿאַרשוווּנדן געוואָרן די פֿרעמדע ברוטאַלע מאַכט, וואָס האָט אַזוי שטאַרק באַליידיקט די עלעמענטאַרע מענטשלעכע און נאַציאָנאַלע געפֿילן און טאָג־טעגלעך, אין משך פֿון יאָרן, אויסגעזויגן פֿון לאַנד אַלע זיינע לעבנס־זאַפֿטן.

איך האָב שוין עטלעכע מאָל איבערגעלעבט אין מיין לעבן דעם גליקלעכן מאָמענט פֿון באַפֿרייונג, אָבער דאָס מאָל איז די עמאָציע געווען נאָך שטאַרקער מחמת אין פּוילישע טורמעס האָט מיר נישט געדראָט קיין אומפֿאַרמיידלעכער אומקום ביי די שרעקלעכסטע באַדינגונגען, ווי דאָס איז געווען אין די דייטשישע לאַגערן. זעלטן ווער פֿון די פּאָליטיש־אַרעסטירטע איז נישט אויסגעזעסן זיין אורטייל. אַ סך זענען אַפֿילו פֿאַר דער צייט באַפֿרייט געוואָרן. צי דאָס איז געווען אין רעזולטאַט פֿון אַן אַלגעמיינער אַמנעסטיע אָדער אויף אַן אַנדער אופֿן. אַרייַנפֿאַלן אין די לאַפּעס פֿון דער בלוטיקער געשטאַפּאָ האָט באַטייט אומקום, פֿאַר

יעדן כמעט אַ זיכערער טויט. פון 120 טויזנט דעפּאָרטירטע ייִדן פון פראַנקרייך, האָבן זיך קוים אַ וועלכע 2.000 (צוויי טויזנט) אומגעקערט פון דעפּאָרטאַציע.

דערלעבן היטלערס מפּלה, וואָסערע גרעסערע מאָראַלישע באַפרידיקונג האָט נאָך געקענט זיין פאַר די אַלע, וואָס האָבן יאָרן־לאַנג געפירט אַ פאַרצווייפלטן געראַנגל מיט דער דייטשער בעסטיע?

איך בין פריי און דאָס פעקל פאַלשע פּאַפּירן, וואָס איך האָב שטענדיק ביי זיך געטראָגן, האָט איצט אויסגעזען אין מיינע אויגן, ווי אַ טויטער באַלאַסט. אמת, איך האָב מיט גרויס דאַנקבאַרקייט געקוקט אויף מיינע פאַלשע פּאַפּירן. יאָרן־לאַנג האָבן זיי דאָך מיר געגעבן די אילוזיע, אַז מיט זייער הילף וועל איך מיך ראַטעווען. אָבער איצט זענען זיי שוין געוואָרן פאַר מיר פאַרגאַנגענהייט. איך וועל זיי באַהאַלטן, ווי אַ זכר לחורבן. אָבער קיין שום באַדייטונג פאַר מיר היינט האָבן זיי שוין נישט.

אַזוי זענען מיר צוזאַמען מיטן ליאָנער פאָלק געווען שיכור פון דער פריי־הייט. איבער די גאַסן האָבן פריי שפּאַצירט די באַוואָפנטע בחורים פון די פּאַט־ריאָטישע קאַמף־אָרגאַניזאַציעס און אין אַ געוויסן זין האָבן זיי מיר דערמאָנט אין דעם יאָר 1918, ווען די דייטשן האָבן פאַרלאָזט פּוילן און די פּאַטריאָטישע פּוילישע יוגנט האָט דעמאָלט שפּאַצירט באַוואָפנטע איבער די גאַסן פון לאָדזש.

אַזוי איז דאָס געווען אין די ערשטע טעג פון דער באַפרייונג. און נאָך יעדער שטאַרקער עמאָציע קומט די באַרויִקונג, די אויסניכטערונג, ווי נאָך יעדן יום־טוב — די וואָכעדיקייט.

מיר, די על־פּי־נס לעבנגעבליבענע פּאַרטיי־אָנפירונג, איז זיך צונויפגעגע־קומען און אָנגעהויבן צו אַנאַליזירן די נייע לאַגע און אָנצייכענען די נאָענטסטע אויפגאַבן, וואָס עס שטייען פאַר אונדזער אָרגאַניזאַציע. און ווען מיר האָבן אָנ־געהויבן אונטערצופירן אַ שטיקל סך־הכל וועגן אונדזער ייִדישער לאַגע און וועגן מצב פון אונדזער באַוועגונג, האָט אונדז באַהערשט אַ טיפער טרויער. ער האָט זיך פאַרשטאַרקט ביי אונדז מיט יעדן טאָג און אין דער מאָס, ווי עס האָט אָנגעהויבן קלאָר צו ווערן דער שרעקלעכער פאַרנעם פון אונדזער חורבן. דאָס איז דאָך דער גרעסטער חורבן אין דער געשיכטע פון ייִדישן פאָלק. דער צער און ווייטיק איז געווען נאָך גרעסער, ווען מיר האָבן זיך אָנגעהויבן צו דערוויסן וועגן טראַגישן גורל פון אונדזערע נאָענטסטע און טייערסטע. פון אַלע עקן האָבן אָנגעהויבן צו אונדז צו דערגיין די טראַגישע ווערטער: „נישטאָ, קיינער איז נישט

געבליבן לעבן״... פון אַלע ווינקעלעך האָבן געקוקט אויף אונדז טויטן־קעפּ מיט טיפע שוואַרצע אויסגעהוילטע אויגן־לעכער.

אונדזער לויטערע פרייד פון דער צוריק־דערגרייכטער פרייהייט און אונדזערע גליקלעכע טעג נאָך דער באַפרייונג האָבן נישט לאַנג אָנגעהאַלטן.

דאָס מאַקאַברישע בילד פון דעם אויסגעשאָכטענעם יידן־פאָלק האָט אָנגעהויבן צו באַהערשן אונדזער גאַנצן געמיט און ווי טראָפּן סם אָפּגעטויט אין אונדז די אויפגייענדיקע פרייד און דעם געשטאַרקטן ווילן אויפדאָסניי אָנצוהייבן צו בויען אַ לעבן. די גרויל־ידיעות וועגן דעם היטלעריסטישן מאַסן־מאָרד איבער מיליאָנען יידן האָט אין אונדזער בעכער פון פרייד אַריינגעגאָסן אַ גאַר שטאַרקע דאָזע פון טרויער און טרערן איבער אונדזער נאַציאָנאַלן חורבן.

אויף דער ערשטער פרייער פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג אונדזערער, איז מען זיך געפאַלן אויף די העלדזער און געהאַט טרערן אין די אויגן פון פרייד און באַלד זענען די טרערן פאַרגליווערט געוואָרן פון טרויער, צער און ווייטיק. מען האָט זיך אָנגעהויבן צו דערמאָנען אָן די חברים און פריינט, וואָס זענען אומגעקומען און די צאָל זייערע איז געוואַקסן און געוואַקסן און פאַר אונדזערע אויגן האָבן מיר דערזען אַ גרויסן באַרג פון געפאַלענע העלדן און מאַרטירער פאַר דער פרייהייט און פאַר אונדזער יידישן קיום.

אַ געמיש פון פרייד און טרויער — דאָס איז געווען די הערשנדיקע שטימונג אויף אונדזערע פאַרזאַמלונגען און בונדישע ליאַמעס, וואָס מיר האָבן דעמאָלט איינגעאָרדנט. מיר זענען געווען גליקלעך, וואָס טויזנדיק, בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע, אַ וויכטיקע אַלגעמיין־יידישע און סאָציאַליסטיש־בונדישע אַרבעט, האָבן מיר דאָך אויסגעמיטן אַלע טויט־געפאַרן און דעם טראַגישן גורל פון אַ סך פון אונדזערע חברים, וואָס זענען אומגעקומען אויף דעפּאָרטאַציע. אָבער גלייכצייטיק האָבן מיר זיך אַליין געשטעלט די פראַגע, צי מעג מען זיך פילן גליקלעך אין אָנבליק פון אַזאַ מוראדיקער יידישער טראַגעדיע?

מיר זענען דאָך, אייגנטלעך, דער אומגליקלעכסטער דור אין דער לאַנגער געשיכטע פון יידישן פאָלק. צי קען נאָך זיין אַ שרעקלעכערע קללה אויף אַ מענטש, ווי די, אַז ער זאָל איינער בלייבן פון זיין גאַנצער נאָענטער און ווייטער פאַמיליע? צי קען נאָך זיין עפּעס גרויזאַמערס, ווי איבערלעבן דעם אונטערגאַנג פון מזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום?

עס האָט זיך מיר געדוכט, אַז מיר זענען שוין די לעצטע פון אַן אונטערגייענדיקן פאָלקס־שטאַם, אַז מיט אונדז ענדיקט זיך די געשיכטע פון דעם וווּנ־

דערלעבן ייִדישן פאָלק, ווייל ייִדיש פאָלק האָט זיך דאָך ביי אונדז אידענטיפיצירט מיטן מזרח־איראָפּעיִשן ייִדנטום. עס ענדיקט זיך די געשיכטע פון אונדזער פאָלק און עס ענדיקט זיך שוין אויך מיין פערזענלעך לעבן, ווייל וואָסער טעם וועט נאָך האָבן אַ לעבן נאָכן חורבן?

און עס איז געשען ממש אַ נס. עפּעס אַ טיף־פאַרבאָרגענע וויטאַלע קראַפט האָט אָנגעהויבן זיך צו וועקן ביי אונדז אַלעמען, עפּעס אַ דראַנג און אַ ווילן צום לעבן, צו בויען אַ ניי לעבן.

המשך, קיום, — דאָס זענען געוואָרן די נייע ווערטער, וואָס זענען איצט באַנוצט געוואָרן אויף אונדזערע פאַרזאַמלונגען און אין די פּריוואַטע געשפּרעכן. בויען, אויפשטעלן נייע דורות, — דער דאָזיקער לעבנס־ווילן און לעבנס־דראַנג האָט אָנגעהויבן אַלעמען צו באַהערשן.

און מיט אַ באַנייטער ענערגיע און געשטאַרקטן גלויבן אין דער ייִדישער צוקונפט, באַזעלט פון דער גרויסער וויזיע פון אַ נייער וועלט פון יושר און סאָציאַלער גערעכטיקייט, האָבן מיר זיך געשטעלט צו דער ווידער־אויפבוי־אַרבעט.

הילף, עקאָנאָמישע פאַר די רויִנירטע, הילף פאַר קינדער, די אויסגעפייניקטע, קולטור־בויונג אין אַלע אירע אַספּעקטן, פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט און אין דער ערשטער ריי פאַרשטאַרקן און אויסברייטערן אונדזערע פּאָליטישע איינפלוסן, אָוועקשטעלן אַ טעגלעכע „אונדזער שטימע”, אויפבויען אַ שטאַרקע יוגנט־אָרגאַניזאַציע, — אָט די אַלע אַרבעטן וועלן אונדז זייער שטאַרק פאַרכאַפּן און אין זיי וועלן מיר געפינען באַרויִקונג און מאָראַלישע סאַטיספאַקציע.